אַ שנירעלע פּערעל.

צעהן נייע פּראַכטפאללע ליעדער

פערפאַסט פון דעם אידישען דיכטער

רעוו. גרשון שולמאַן

וועלכע זיינען געזונגען [אונד דעקלאמירט
געוואָרען אויף דיא גרעסטע אידישע
פערזאמלונגען, פּאַרטיס, בעללער
און קאָנצערטען, אונד בעגייס-
טערט טויזענדער צוהערער.

עס איז אַ ציערונג אין יעדער הויז.

1913

פּיטטסבורג, פּא.

Glick Print, 95 Logan St., Pittsburgh, Pa

HARVA
UNIVER
LIBRA

650

אינהאַלטס - פערצייכניס :

1. יהודית דיא גרושה.
2. משה אונד דער סנה.
3. הנרות הללו.
4. דיא אונגליקליכע טיטאַניק.
5. דיא רוה.
6. גוואַלד, מיר זיינען קינדער.
7. דער מעססער.
8. דער יושר.
9. אַ שיינע ריינע כפרה.
10. דער שטורם און פלאָד פון מידעל וועסט.

נאכדרוק שטריינג פערבאָטטען.

ווען גאָט בענשט אַייך

מיט אַ שמחה:

אַ תנאים, אַ חתונה, א ברית,

אָדער עני אונטערהאַלט, אונד

איהר ווילט האבען אַמוזירונג,

פערגניגען.

דאַן שיקט־נאך מיר.

אַדרעסע פון׳ ז פערפאַסער אינד פאָרטרעגער:

REV. G. SCHULMAN

54 Arthur St., Pittsburgh, Pa.

יהודית דיא גרושה.

יה‌ידית, א מוטער פאן דע־וואקסענע קינדער,
אין רעכטען גלאנץ פאן דיא בליהענדע יאהרען,
גליקליך, רייך און רעספעקטירט פאן יעדען בעזונדער—
איז פאן וואוילטאג צולאזען געווארען.

מיט איהר מאן האט זיא זיך אנגעפאנגען צו שפארען,
איהר פארוועלט זיך לעבען נאך דעם נייען סטיל,
זא וויא דיא גריכען, דיא רוימער---איהרע נאכבארען;
און דאס וואַר געגען זיין נאטור, זיין געפיהל.

פיעלע גוטע פריינד האט ער אנגעשטעלט
זייא זאלען איהר אפשלאגען פאן דער זאך;
מענשען, וואס האבען אנאמען אין דער וועלט—
איהר קענט זייא געפינען אין אונזער תנ״ך.

יחזקאל, ירמיה, און ישעיה
האבען מיט איהר גע׳טענה׳ט און גערעדט.
זיא הערט אויך ניט דיא פריינד, דיא געטרייע,
און איהר מאן האט איהר דערפאר אָפגע׳גט.

* * *

אזוי איז שוין אוועק זעהר א גאנץ לאנגער זמן,
וויא זייא ליידען שרעקליך, יעדער בעזונדער,
אי דיא לייכטזיניגע יהודית-קע, אי איהר מאן,
זא אויך זייערע אומגליקליכע קינדער.

ליעבע און אכטונג צו זיין הויז האט ער פערלארען,
יעדער ווינקעלע טרויערט, וויינט און קלאגט,
אויך זיא האט איהר טהייערע היימאטה אָנגעוואָרען,
איהרע שכנים האבען איהר מיט שאנד פערייאָגט!

ער האט נאך קיין אנדערע גענומען,
און זיא האט נאך אויך קיין מאן קיין צווייטען.
שרעקליך פאר איהר לייכטזין אָפּגעקומען,
פיעל עלענד. פיעל פיין, אלערלייא נויטען.

זיין גאנצער האָפפען, זיין גאנצער גליק—
איז נאך ווידער צו זיין איהר באשערטער.
אויך זי פיינקט און וויינט און בעט זיך צוריק—
עס רייסט ביין הערצען איהרע קלאג ווערטער:

***

„אָה! וויא איך בין אַ עלענדע גרושה פון מיין מאן!
איז שאן פיעלע פיעל צייטען, אָך! אוועק,
געליטען האב איך כמעט דיא גאנצע צייט זייט דאן,
זלזולים, בלבולים, צרות, פיין און שרעק.

פארשטויסען, פארטריבען, פארוואגעלט ווייט פון מיין היים
בין איך אין דער ברייטער גרויסער וועלט נע ונד,
וואלגער זיך אין אַ פרעמדע הויז, אונטער אַ פרעמדען בוים
פרעמדע גערטנער, פרעמדע פעלדער, וואלד און סאד,

געארבייט האב איך אויך דעם און געשאפט
מיט די בעלי בתים גלייך דורכאויס.
נור וויא זייא האבען אויסגענוצט מיין קראפט—
דארף מען מיר שוין ניט, מען טרייבט מיר ארויס!

מיט אלערלייא שימפפווערטער אָהן בושה:
„וואמפיר! פיאַווקע! דערצו קלעפ און געשפעט:
„געה פון דאנען, געה פערפלוכטע גרושה!
ניט אומזאָנסט האט דיר דיין מאן אָפגעגט.“

* * *

„געה, געה“ אָה,ווי שרעקליך טראגיש, קלינגט דיזער ווארט!
אַ ים פול עלענד, פול טרעהרען און טרויער.
וויא גליקליך איז דער וועלכער פארמאָגט אַ אייגען אָרט!
נאך א אייגענע היים, אָה, ביינקט זיך זעהר!

אוואו איך זאל שוין קענען רוהיג דארטען בלייבען,
אהנע פורכט, אהנע אנגסט און אהנע זארגען,
ניט צו פירכטען פאר דעם יאגען און פאר דעם טרייבען,
און צו זיין זיכער מיט מיין לעבען מארגען.

פינסטערער חשך, וויא דיא שווארצע נאכט,
ווערט מיר אין מיינע דונקעלע אויגען,
מיין לעבענס געשיכטע ווען איך נור בעטראכט,
זעה איך הימלען מיט וואלקענס בעצויגען.

ווי א ווייט מיין אויג זאל נאר קענען גרייכען,
אין מזרח, מערב, אין צפון דרום,
זעה איך פאר זיך נור רואינען, לייכען,
גאנץ אלטע און נייע פרישע קברים.

פון מיינע קינדערלאך וואס מען האט אויסגעשלאכטעט
איבעראל, אומעדום, אין אלערליי צייטען,
פערהאסט און געשענדעט, פערשפאָטעט און פעראכטעט,
ווייל מיר ווילען דיר, מיין מאן, ניט פערבייטען.

אין בבל, אין רוים, אין פארטוגאל און אין שפאניע,
אָה! עס נעמט מיר דורך א שוידער אַ קאלטער!
אין פראנקרייך, איטאליע, אנגליע און גערמאניע,
אין דעם פינסטערען ווילדען מיטעל אלטער.

גאָנטע, חמעלניצקע, אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ.
מאראָקא, רומעניען, לייד אָהן א שיעור
מיינע צרות פון רוסישען קאצאפּ.—
פערניכטען אין גאנצען ווילען זייא מיר!

מען ווייזט מיר אויך פריינדליכע געשטאלטען,
און מיט א קוס ווילען זייא מיר טויטען!
״פארגעס, דומע יהודית׳קע, דיין אלטען!
האב בעסער התונה מיט א צווייטען.

דיין אלטער, חאַ, חאַ! טראכט וועגען דיר דען אפילו!
שלאג עס ארויס פון קאפּ און דיינק ניט דערפון.
דיין אלטער האט זיך שיין לאנג פארליבט אין א בתולה,
און זיא האט שיין פון איהם אפילו א זוהן.

ביז וויא לאנג וועסטו זיין אזא אלטען זא געטרייא?
דיין גליק קען נאך זיין דער שענסטער, דער גרעסטער,
פאר דעם איינעם ווילען מיר דיר געבען גאנצע דרייא...
בעהאנדלען וועלען מיר דיר וויא אַ שוועסטער.

אונזער פּרינציפּ איז בארעמהערציגקייט,
דערצו ברודער ליעבע און גענאדע,
פּוטץ זיך אויס פיין לכבוד דעם נייעם בייט,
וואש זיך ארום, געה מאך זיך אבאדע,

וואש זיך מיט דעם ריינעם וואסערעל גוט".
אוועקט פון מיר, ווילדע אבערגלויבער!
אין אייער וואַסערעל זעה איך נור בלוט,
מאססען-מערדער, פערשקלאפער און רויבער!

דיא אויטא-דא-פע'ען- און דיא אינקוויזיציאנען,
קרייצציגע און מלחמות פון יעדער צייט,
דאס מאכט מיר צו בעגרייפען, דאס מאכט מיר דערמאנען
אייער ברודער-ליעבע, בארעמהערציגקייט.

אין אייער וואַססערעל זעה איך דאָך נור דיא טרעהרען
פון שוואכערע פעלקער. וואס איהר האט פערשקלאפט.
פאר קיין פאל קען יהודית'קע אייערע ניט ווערען,
אייערע ווערטער האבען בייא מיר קיין האפט.

עס דונערען הונדערטע קאנאנען,
אונד עס קראכען שרעקליך דיא הארמאטען;
טאָדטעס-געשריי און אַנגסט פון מיליאנען,
פערטזיבען, פערשטיקען דיא גראנאטען.

דיא לופט איז פול פולווער, פייער, רויך,
גרויסע בערג הרוגים אין יעדער זייט.
איהר מעגט נאך אמאהל שרייען אין דער הויך:
ברודער-ליבע, גנאדע, בארמהערציגקייט.

ניין! און טויזענדער מאָהל ניין! יהודית'קע דיא גרושה
וועלכע איהר האַלט אין איין יאַגען, פארשעהמען,
וועט בשום אופן מיט אזא פאַלשע הברותתה
קיין שידוכים טאָהן, קיין אַנדער מאַן נעהמען!

אַלטע ליעבע ראָסטעט ניט! מיין מאַן האט מיר נאך ליעב!
איך שפיר אוז פיהל עס,-איין הארץ פיהלט די צווייטע.
ער וועט צוריק אויפבויען מיין רואינירטע שטוב,
פאר מיר און זיינע קינדער דיא צושפרייטע.

לוקסוס, שיינקייט פאר א פרויענצימער
איז מעהרערע מאָהל אַגרויסער אונגליק,
פיעלע צרות, טראָבעל האָב איך אימּמער
איבער דעם געהאט אויף מיין לעבענס בריק.

דיא פרויען האבען מיר פערפאָלגט אויס נייד,
דיא מעננער – ווייל איך לויף אונד ווייך זיי אויס.
מען בעשמוצט מיר מיט שלעכטע פאלשע רייד.
מיין שמערץ און מיין יאממער איז שרעקליך גרויס.

***

אָה,וועה! איך האב שרעקליך געבלאָנזעט, איך האב געאירט,
גאנץ ווייט פערקראָכען אין זומפּען און בלאָטע.
דאָך אין גאַנצען פון וועג האָט איהר מיר ניט אראָפּ געפיהרט;
איך בין זיך מודה און האב שטארק חרטה.

מיין גאַנצער געדאנקען, האָפּפען, ציעלען און שטרעבען,
מוז, דארף און וועט זיין, מהיום והלאה:
אַך, וויא גערען וואָלט איך וועלען דעם גליק דערלעבען,
דעם געטליכען גענוס דיא גליקליכע שעה!

צו זעהען נאָך ווידער מיין אַלטע היים!
צו זיצען נעבען מיין אייגענעם טיש,
אין צו געניסען דיא פרוכט פון מיין בוים.
אייגענע—וויא טהייער. וויא ליעב, וויא זיכּס!

דערמאָהן זיך גאָטט אָן דיא קינדער דיינע,
אָן דיין יהודה׳ן און אָן דיין אפרים
און אויך אָן יהודית׳קען, דיא שיינע,
און פיהר אונז אין דיין ירושלים!

משה מיט דעם סנה.

אין דער גרויער אור-אלטער פערגאנגענהייט,
אין איין רוהיג. איינזאמען, שטילען אָרט.
לעבען אַ טרוקענעם וויסטען בארג. אָן א זייט,
האָט געפיטערט א פאסטוך זיינע שעפּעלאַך דאָרט.

דיא שעפּעלאַך שפּאַצירען אין דיא וויזען,
דער פאַסטוך איבער זייא ציטערט און וואַכט.
א בילד האט זיך צום פאסטוך דאָרט בעוויזען,
וואס דאס האט איהם צום ערשטוינען געבראכט.

ער זעהט פלוצלינג וויא אַטרוקענער דאָרען
האט אָנגעפאנגען צו לייכטען, ברענען.
פון פייער ארום איז ליכטיג געוואָרען.
פערניכטען טהוט עס אבער ניט קענען.

בעטראכטענדיג דעם דארען,
איז ער בעגייסטערט געוואָרען.
צום הימעל הויבט ער זיינע אויגען, זיינע הענד:
''גאט ליעבער! וואס איז דיא קראפט,
דיא שטארקהייט און הויערהאפט
פון דאָרען,וואס פלאקערט,ברענט און ווערט ניט פארברענט?

דעם פאסטוך׳ס הערץ מיט בעגייסטערונג אָנגעפילט
פערטראכט אין א געדאנקען א טיעפען.
ער וויל צו געהן נאהענט, בעטראכטען דעם בילד,
דערהערט ער אַ געטליכע שטים איהם רופען:

,,משה! איך בין דער גאט פון דיינע עלטערן,
דעם פייער, דעם דאָרען, נעהם אין זינען;
הער אוים, איך וועל דיר דעם וואונדער ערקלערען.
האפפנונג, טרייסט, פאר דיין פאלק דארט געפינען.

וויא יעצט, זא איך אין דיא שפעטערע יאהרען
אין אללע מדינות, אין אללע שיכטען
דיינע ארעמע ברידער,---זא ווי דער דאָרען
ברענען—מען וועט זייא וועלען פערניכטען,

צו ליב דעם פייער אין ליכט,
וואס דאס נור וועט זיין זיין פפליכט
אויף דער וועלט פון גאטהייט לייגען דעם פונדאמענט,
פעלקער מיט רציחה וועלען
זיך איהם אין זיין וועג שטעלען.
פירכטע ניט! זעה,דער דאָרן ברענט און ווערט ניט פארברענט!

אויף אללע וועלט-טהיילען פון גאנצען ערד-באַלל
ערקלערען די גאטהייט מוז דיין נאציאן
פון טוגענד, יושר, פון גוטעס,-דער סימבאָל;
פון קולטור, פראָגרעסס, ציוויליזאַציאָן.

דעם שוואַכען געגען דעם שטארקען בעשיטצען,
דעם שקלאוו לויז מאכען פאָן זיין שקלאווערייא
ער זאל זיך ניט שרעקען פאר דוננער, בליטצען,
אידעאליש קעמפפען געגען טיראננייא.

זאָ איז פון נאַטירליכען לעבען דער כלל:
ווען מען איז פון דיא מענשען דיא צירער,
ווען מען וויל פערווירקליכען אַ אידעאל,
מוז מען ליידען און זיין אַ מארטירער.

דער עדעלער וואַהרער העלד
אנטלויפט ניט פון דעם שלאכט פעלד,
זיין שטאָלץ און זיין עהרע זאלל ניט ווערען געשענדעט,
ער טרעט אויף זיינע לייכען—
זיין זיעג מוז ער עררייכען.
קוק, זעה דער סנה ברענט און ווערט אָבער ניט פארברענט!

,,שטעה ניט משה אויף איין אָרט!''—זאָגט צו איהם גאָט,
,,דאס איז דיין פפליכט, געה! וויא איך דיר עס הייס,
צו פרעה׳ן דעם גרויסען טיראן, דעם דעספאָט,
פון שקלאפערייא מאך דיינע ברידער לויז.

דען איך האב זייא מיט אבויכט געמאכט פאר קנעכט,
זייא זאללען וויססען, שפירען און פיהלען
וויא עס איז טרויעריג ביטער, גרוויזאם, שלעכט,
ווען מען הערשט אויף מיין קערפערס געפילען.

שרעק זיך פאר קיין שטן, פאר קיין שטערונג אין וועג.
נעהם זיך אלס ביישפיעל דעם וואונדער פון סנה,;
און ,,ווער דיר שיקט‘‘. ווען פרעה גיט דיר א פרעג,
זאָג איהם: ,,דער גאָטט אהיה אשר אהיה‘‘.

זיין גאָט נילוס האָט קיין האפט,
זיין קראָקאָדיל א קליינע קראפט,
בייא זייא איז מענשען-אָפפער דער בעסטער פרעזענט,
אזעלכע פרעה-ס אָהן א שיעור,
פערניכטען ווילען זייא דיר,
נור זעה, דער סנה ברענט און ווערט אָבער ניט פארברענט.

אויף דעם וועלט-מעער שטורמיש, ברויזענד און טיעף,
וואנדערען מיר שוין א גאנץ לאנגע צייט,
דיא וועללען ווילען פערשלינגען אונזער שיף,
האַיי-פיש, אליגאטאָרס, אין יעדער זייט,

און אויף דער יבשה---וועלדער געדיכטע,
מיט בלוט-דורשטיגע טהירע אָהן א שיעור.
דיא בלוטיגע בלעטער פון דיין געשיכטע
א וואונדער; וויא קומט נאך לעבען צו דיר!

דיינע כוחות הנפש זיינען משונה;
אונשטערבליכקייט איז דיין טיטול, דיין ראנג;
און דיא השגחה אליין, דיא פאָרטונע.
וואכט איבער דיר, שיטצט דיר פאָן אונטערגאנג.

דער דרוק פאָן דיא נאציאָנען,
דער האַס פון דיא רעליגיאָנען,
האט דיר פערניכטען, אויסראָטען, ניט געקענט:
דיא צייט מאַכט פון בערג טהאָלען,
און שטאָלצע בוימער פאַלען
נור זעה—דער סנה ברענט, און ווערט דאך ניט פארברענט!

*
* *

זיין פסיכאָלאָגיע ווען איהר וואלט נור לעזען,
ניט וויא אללע פעלקער איז ער געבויט;
צו אלע קלימאטען פאסט זיך זיין וועזען,
צום קאלטען נאָרד און אויך צום הייסען סאוטה.

זיין ארבייט איז אין יעדער אָרט, איבעראל,
אוואו נור זיין וואנדער פוס שפאנט און טרעט:
פראָפאגאנדירען פראָגרעס, זיטען, מאָראל,
פרייהייט, ליעבע, גאָטהייט, הומאניטעט.

אָה, דוא געטליך הייליג עוויגע נאציאָן!
איך שטאָלציר וואָס איך בין א בלאט פון דיין בוים,
דיין שליחות, וויא ערענסט האסטו עס געטאהן!
פארגעס אָבער אויך ניט דיין אלטע היים,

דיא צויבערישע אטמאספערע;
פון דארט האט גאָטט זיין לעהרע
בעגליקט דיא מענשהייט מיט א טהייערען פרעזענט.
זיא ווארט אויף איהרע קינדער,
פאסירט האָט מיט איהר וואונדער:
פארוויסטעט, פארלאָזען, עלענד, דאָך ניט פארברענט!

הנרות הללו

מיט זוננען שטראהלען אין וואָלקענס געדיכטע,
מיט גאָלדענע בוכשטאבען און איך פון בלוט,
איז געקריצט, געשריבען, מיין פאָלקס געשיכטע.
יעדער בלאט, יעדער שורה, בעטראכט נאר גוט,

„שם" האָט זיך פון „חם" און „יפת" אָפּגעטהיילט,
אין „ד' אמות של הלכה" פערשפּאַרט.
זייא—האבען דעם פייל און בויגען אויסערוועהלט,
דען נאָך בלוט אין געיעג האבען זייא געגאַרט.

פון דאן אָן פאנגט זיך אָן דיא שנאה
ברודער-האס. ראכע און גרויס קנאה.
פערהאסט איז ,,שם'' ביא ,,חם'' און ,,יפת''
פאר זיין התמדה. חכמה. לערנען.
זיינע ברידער איהם האַסען, צערנען,
ער קעמפפט מיט זייא מיט מסירת נפש.

זייא ענטלויפען פאָן געזעטץ און פפליכט,
נור רויב און מאָרד איז זייער ראָללע
,,שם'' זוכט אָבער ,,אמת, יושר, ליכט!''
ער צינדט אָן ,,הנרות הללו!''

זאָ זייט דאַן, פון יענע אור-אלטע יאָהרען.
האָט זיך אנגעפאנגען אנטיסעמיטען,
און דיא שנאה איז נאך גרעסער געוואָרען
איבער עשו אין יעקב'ן אין מיטען,

זייערע כאראקטערען זיינען דיפרענט:
וואס בייא איינעם איז גלייך, איז ביים צווייטען קרום,
עשו'קע נעהמט אלעס מיט זיינע שטארקע הענט,
יענקעלע—מיט שׂכל, יושר מיט זיין שטים.

עשו'קע פארברייננגט גאנצענע טעג
צו טויטען פויגלען אין טהיער געיעג.
יעקב זיצט אין דער היים און שטודירט
פלוצלונג פאלט עשו אַריין אין שטוב
,,איך בין הונגעריג! הלעיטני! גיב!
נעהם דיא בכורה דערפאר, דומער הירט!''

עשו טרינקט און פרעסט אָהן א שיעור,
קריצט מיט דיא ציין, ער איז שוין מלא.
ניין! דיא בכורה פאסט גאָר ניט פאר דיר-
נור פאר דיא הנרות הללו.

געליטען האט יענקעלע שרעק און טרויער,
פון עשו ס שטארקע בלוטיגע ידים;
עשו זיצט מעכטיג, שטארק, אויף דעם בארג שעיר,
יענקעלע וואָגעלט נעבאך אין מצרים.

דאָרטען האָט איהם נור זיין ביטערער שיקזאל
אייף א גאנץ קליין קורצע צייט אָפּגעלאָזען;
עלענדע טרעהרען און בלוט פליסט וויא אַ קוואל,
ווינטען בייזע פון שנאה, יאָגען, בלאָזען.

„א אידישע טאָכטער,- נעהמט זי אייך —
און א אינגעל—טוידטעט, ווארפט אין טייך!
מען מוז זיך צו יענקעלען קליגען,
דיא עופ׳עלעך צום נילוס בריינגען,
זאָללען דיא וועלען זייא פארשלינגען
יענקעלען דערמיט צו בעזיגען."

פרעה ס טאָכטער געהט זיך באָדען
זיא הערט א קליין קינדערש יללה.
„איך מוז איהם רעטען! עס איז א שאָדען
דער גרעסטער הנרות הללו."

אין דער עלענדער וויסטע, פערציג יאהרען
וואנדערט א אונגעהייער גרויס קאראוואן,
געדריקטע וואָס זיינען בעפרייט געוואָרען
דורך וואונדער, פון א דעספּאָטישען טיראן.

פירכטע ניט מיין פאָלק. פאר דיינע פיינדס פיילען;
דער גאָט פון אברהם, זיין אויג איבער דיר וואכט,
עס בעגלייטען אונז אין מדבר צוויא זיילען,
פון וואָלקען---בייא טאָג, פון פייער—בייא נאכט.

צוויא עמודים, דיינע וועג ווייזער
מיט מן האט דיך געשפייזט דיין שפייזער,
פיהרענדיג דיר אין דיין גליקליך היים.
בעטראכט נור אידען מיט אַ זינען,
גאָטעס השגחה טהוט אייך דיענען.
דיא דרייא בעגלייטען אייך עד היום.

מיר קעמפּפען, לעבען נאך יעצט מיט מן,
דורך וואָלקען, פייער, וואונדערפאָללע.
קולטור, פראָגרעס איז מיין יעדער שפּאַן.
דיא גרינדער פון הנרות הללו.

דיא זון, דיא לבנה מיט דיא שטערען איהרע.
שטראהלען און גלאנצען מיט זייער גאנצען שיק,
אלע פרעהען זיך, זינגען צו גאט שירה,
אויף יענקעלע׳ס הצלחה און אויף זיין גליק.

דאס לאנד כנען, דיא שענסטע און דיא בעסטע—
מילך אין האָניג איבעראלל רינען, פליססען;
טייטלען און טרויבען—דיא פעטסטע, דיא גרעסטע,
עררייכט האט יעקב זיין טרוים דעם זיססען

זיינע קעניגע, געטליכע פּאָעטען,
חכמים, נביאים, פּראָפעטען,
פארשפרייטען טוגענד, גאָטהייט, מאָראַל,
פיעלע פעלקער צו איהם געקומען.
זיין הויכען גלויבען אנגענומען.
געלאָשען זייער דורסט פון זיין קוואַל.

פון וואהרהייט און גוטעס דער סעמפעל.
גייסטליכע געפיהלע זיין סאָלאָ;
פון זיין קדשי קדשים, זיין טעמפעל
פארשפרייט זיך ,,הנרות הללו!‘‘

ניט לאנג האט געדויערט זיין פרייד, זיין שלום,
לײדער זעהר װײניג האט עס איהם געגליקט,
פערשװאונדען איז שנעל זיין גליקליכער הלום,
שװארצע המארעס אויף זיין הימעל אנגערוקט.

פירוד לבבות; נאָך פעהלערען אזוינע,
צושפּאָלטען איז געװאָרען זיין ציטאַדעל!
דיא נביאי הבעל—און אין דרויסען דער שונא,
האבען פון מיין יאנקעלען געמאכט א תל.

עשו מיט זיינע בלוטיגע לאַפּעס
קאָסעט אונז װיא אין פעלד דיא סנאָפּעס.
אונזער לאנד פארװיסט, אונזער הויז פארברענט.
נאָר אז יעקב מיט אַ װיינענדע שטים
קעהרט זיך צו זיין טאטען אלקים,
האבּ ן זייא איהם פארניכטען ניט געקענט.

נבוכדנצר, טיטוס, אנטיוכוס,
פארניכטעט האט אייך גאטעס קללה,
המן, פערדינאנד און אלע רוהות —
און מיר זינגען נאך „הנרות הללו“.

די אומגליקליכע שיף טיטאניק.

שטאָלץ וויא אַ קעניגין מיט מאַיעסטעטישען פראַכט,
איז דיא טיטאַניק פון איהר האַפען ארויס,
פול האָפפענונג, לעבען,—דיא ערסטע רייזע זיא מאכט
פון שרעקליכען ים, אָה! לאַכט זיא זיך אויס!

דיא שטארקסטע, דיא בעסטע, דיא גרעסטע אין דער וועלט,
בעזאָרגט מיט אלעס וואָס אַ מויל קען ריידען,
אלערליי פערגעניגען פלעצער אויך דארט ניט פעהלט,
קעניגליך געפוצט,—אַ וואהרער גן עדן!

עס פייפען דיא ווינטען, דיא כוואליעס זייא רוישען,
דער ים קרעכצעט אונטער דיא לאַכט דיא שווערע,
דיא וועללען טרעטען אָפּ דיא וועג דעם ר עז דעם גרויסען
אפלאָדירען און בעגלייטען איהם מיט עהרע,

אָבער מענשעלע, וויא קליין איז דיין קראפט!
דיין חכמה וואס האט פאר אַ האַפט,
גענען דיא אלמעכטיגע נאטור?
קיינער וויים ווענמ:ס מאָר:ען עס איז,
זעה דיא טיטאניק, דיא גרויסע ריעז
געבליבען איז פון איהר ניט קיין שפּור!

מיט בלוטיגע טרעהרען ווערט דיא אויגען פערלאָפּען,
אלע נערווען אין מיר פאראליזירען.
אויף דעם שרעקליכען אומגליק, וואס האט געטראָפען
דיא טיטאניק מיט איהרע פאסאזשירען,

טויזענדער מענשען-לעבענס גענאנגען פארלאָרען.
מיט אזא שרעקליכען און קוואַלפּאַללען טויט.
פיעל טויזענדע— זייערע ליעבסטע אָנגעוואָרען,
זייערע בעשיטצער אין מאנגעל און נויטה.

אָה בלוטיגע וויט סטאר ליין! צוליב דיין אדווערטייז
האט מען געטריבען דיא שיף פוללען קראפט שנעל,
פון טויזענדער מענשען געמאכט פאר דיא פיש א שפייז,
און פון זאַ פיעל, אָה! לעבענס, געמאכט אַ תל!

ניט קיין וואולקאן און ערדציטערנים
האבען דיזע שרעק און ביטערנים,
פעראורזאכט טרויער און פיין,
טהעאטער, שפאציר גערטנער, דא און דאָרט —
פאר רעטונגס-שיפלעך ניטא קיין אָרט...
פערפלוכט זאָל אזא ארדנונג זיין!

דער קינסטלער, דער מאהלער מיט זיין פינזעל איז צו שוואך
אויסצומאָהלען דיעזע שרעקען טרויער בילד.
עס פעהלען אויס ווערטער אין אַ יעדער ליידען שפראך
דיא מארך ערשיטטערט, און דיא פאנטאזיע ווילד.

דער קעפּטען בעפעהלט דיא מאטראָזען, אָפּיציערען:
,,שנעלל לאָזט דיא רעטונגס-שיפלאך אין ים אַראָפּ!''
דיא אומגליקליכע צושראקענע פּאססאזשירען
וויינענדיג זייא רייסען זיך דיא האר פון קאָפּ.

איבעראל מען הליפּעט, מען וויינט און מען יאממערט,
ביטערע הילפלאָזע טרערען רעגנען.
דאָרט שטעהט א מאן מיט אַ פרויא צוזאמען געקלאַמערט:
,,מיר מוזען זיך אויף עוויג געזעגענען!''

עס הילכט אַ הערץ-רייסענדער געשרייא
פון אַ אומגליקליכע יונגע פרויא.
זי האלט זיך שאָן אויף איהרע פיס קאם
,,גאָטעניו! שלעכט איז מיר, וועה און ווינד,
שפּרינגענדיג אין שיפעל, איז מיין קינד
אריין געפאלען אין רוישענדען ים!''

אָה ליכטיגע זון! בעהאלט זיך מיט דיין ליכטיגקייט
צווישען דיקע וואָלקענס און געדיכטע.
פינסטערניס פאַסט זיך זעהר צו דער יעצטיגער צייט
וואס האט קיין גלייכען אין דער וועלט-געשיכטע.

אין קליינע רעטונג-שיפלעך אויף דעם ברייטען מעער
פול אָנגעפּאַקט מיט לעבעדיגע מתים,
ארום אויף דעם ים שווימען און קעמפּפען שווער
און דאָרט אויף דער שיף מארטירער און קדושים.

אַסטאָר—באָט—גוגענהיים—שמיט—דער אלטער קאפּיטאן
טהוען פאר שוואכערע זייער אָרט אָפּטרעטען;—
און ווער איז דאָס דאָרטען? אָה גאָט! אַ ווייב מיט א מאַן.
ביידע וויינען; ער טוהט זיך ביי איהר בעטען:

„טהייערע איידא, ערבארעם דיר!
געה אין שיפעל, רעטע זיך! פאָלג מיר!
געה מיין ווייב, גוד בייא און זייא געזונד!"
„ניין, מיין ליעבער געמאַהל איזידאָר!
געלעבט מיט דיר גליקליך זא פיעל יאהר,
נאַכפאָלגען וועל איך דיר אין אָפגרונד!"

אויסגעטריקענט איז שאָן אללע קוועללען פון טרעהרען.
איך האב שוין ניט. ניין, מיט וואס צו וויינען מעהר,
פערניכטעט, פערפלוכט, זאללען דיא שולדיגע ווערען,
פערפאָלגען זאָל זייא דער אלגעמיינער טרעהר!

נעהם ראַכע דוא הימלישער ריכטער, דוא אל נקמות,
פאר דיא מאססע אומשולדיגע קרבנות.
רוהט אין פריעדען איהר פריהצייטיגע נשמות,
שיק דיין טרויסט דיא יתומים און אלמנות.

בעגליקט און געבענשט אויף עוויג זאָל זיין
דיא שיף „קארפאטיא" מיט איהר קעפטען ראשטראָם,
בעשיטץ דיא גוטע מלאכים פון שמערצען און פיין,
ווען ניט זייא, וואָלטען אלע געווען אין תהום.

געזונקען... דערטרונקען... ס'איז שאָן שטיל!...
לעבעדיגע צרות בלייבט נאר פיעל.
דיא מהבלים זיינען. ניין, נאָך ניט זאַט!
דיא שיף ווערט אלין קלענער און קלענער,
עס הערט זיך שאָן מעהר ניט דיא טעננער
פון „נירער טו דהי, נירער טו דהי, מיי גאד!"

דיא מנוחה.

פון פריה בעגינען ביז שפעט אין דער נאכט,
האבען מיר מענשען קיין רוהע ניט,
שטענדיג פער'דאגה'ט און איממער פערטראכט,
קיין רוהע אפילו איין מינוט.

דער—שטרייט מיט ארמוטה, מיט עלענד און נויטה.
דער—פון קראנקהייט האט קיין מנוחה ניט.
דעם—פעהלט לוקסוס, דיא קאָפּ איז איהם צודרעהט,
דער נאך א שטיקעל ברויט לויפט און פליהט!

אללע מענשען אין איין שטים.
צוטראגען לויפען ארום,
שרייען: „מנוחה! אוואו ביסטו?"
איך וועל טרייען נאָכפרעגען
אין אלע שטעגען, וועגען,
פיעלייכט וויים ווער וואו איז דיא רוה.

* * *

איהר פילאָזאָפען, פאָרשער דער נאטור,
איהר בעקלעהרט דיא וועלט, דיא ברייט, דיא לייגג;
פון אלע ערטער דיא טעמפעראטור,
און דיא עלעמענטען פון אלסדינג.

וואו ווארעם, וואו קאלט, פינסטער און ליכטיג,
אויך דיא קלימאטען פון יעדער אָרט,
ערקלעהרט איהר אונז גאנץ דייטליך און ריכטיג
און אלעס וואס עס געפינט זיך דאָרט.

פיליכט האט איהר באגעגענט,
אין וועלכען עס איז געגענד,
דיא רוה'ס וואהנונג, געצעלט?
—,,וואו מיר זיינען נור געווען,
האבען מיר איהר ניט געזעהן,
אויך מיר האבען קיין רוה אויף דער וועלט!''

* * *

און דוא הימעל, וואס דוא ביסט גרויס און ברייט,
איך בעט בייא דיר, גיב מיר א אנטווארט:
אויף דער גאנצער וועלט ביזטו דאך פארשפרייט
פיעלייכט ווייסטו פאן דיא רוה דעם ארט?

דוא ביסט דאָך פול אין אלע וועלט-טהיילען
אין מזרח, מערב, דרום, צפון;
בעט איך דיר אז דוא זאָלסט מיר דערציילען:
פיליכט האסטו דיא רוה געטראפען?

,,מענשעלע! ווען דיר איז נור
קלאהר דער גאנג פון דיא נאטור,
צו רוה זיינען מיר ניט געשטעלט;
מיר וואלטען זיך אויך גינען
ארגענד דיא רוה געפינען.
אבער דאס גיט ניט אויף דער וועלט!''

אויף דער גאנצער וועלט אין אלע מדינות,
ביסט דאך ווינטעלע. פ:ל אומעדום,
אין דיא ווילדע סטעפּעס און פּוסטיניעס
ביזט קלאהר דעם ערד קוגעל רונד און רום,

אפשר ביזטו אין אזא אָרט געוועז
הינטער דיא הרי חשך, זאג וואו,
וואס דוא האסט דארט געטראָפען צו זעה;
דיא זיסע, ליבע, טהייערע רוה?

—,,אויף דעם זאמד, אויף דעם מעער,
וואו עס איז פּוסט און לעהר,
אין דיא קוועלען פון ווארעם און קעלט
בין איך געפלויגען געלאָפען
און האָב אויך ניט געטראָפען
קיין מנוחה, קיין רוה אויף דער וועלט!''

***

צי דיר שיינע זון, וועל איך זיך קעהרען,
דען מיין הערץ איז פערצווייפעלט פון פיין:
האָב רחמנות, פארנעהם מיינע טרעהרען,
און זאָג מיר וואו קען דיא רוהע זיין?

אויך דוא לבנה, און שטערענדלעך פיינע,
וואנדערט ארום דיא וועלט נאכט און נאכט,
בעאנטווארטעט מיין פראגע, מיין טענה:
מיין גוף איז מיעד. מיין זעעלע אָפּגעשוואכט.

מיט א וואָלקען בעצוינגען,
ווערען זייערע אויגען,
שטראָמען טרעהרען, גיסט, רעגענט;
,,מיר וואנדערען טאָג וויא נאכט,
פון רוהע ווער דיינקט, ווער טראכט,
אין קיין אָרט איהר ניט בעגעגענט!"

***

זייער אנטוואָרט האָט מיין האָפפנונג צושטערט,
מיין גייסט, מיין געפיהל מעהר אָפּגעשוואכט,
שוואך אהנע קרעפטען פאל איך צו דעד ערד
איממער מיט הייסע טרעהרען נאַס געמאכט.

בייא דיר ערד וועלען מיר רוה געפינען
ווען מיר וועלען זיך אומקעהרען צו דיר,
א ענד פון זאָרג, עלענד, טרעהרען רינען,
פון קנאה, שנאה, לייד אָהן א שיעור.

דער הכם, זא אויך דער נאַר,
דער קנעכט, אונ זאָ אויך זיין האַר,
דער רייכער מיט דעם געמיינעם,
אין דיין רייך, אין דיין מלוכה,
וועלען מיר קריגען מנוחה,
ליגען רוהיג אללע אין איינעם!..

גוואַלד, מיר זיינען קינדער.

בעטראכט דאָס קינד, וויא ער ווערט נור געבאָרען,
פון תפיסה צו פרייהייט געהט ארויס,
דאָך ערקלעהרט מיר וואס בעדייטעט זיין צאָרען?
ווארום איז זיין געוויין אזוי גרויס?

או.זער שכל איז אויך ניט א סך גרעסער:
מיר אנבלויפען אָפט אליין פון גליק.
אונזער פערשטאנד בעגרייפט ניט וואס איז בעסער,
פון ליכט צו פינסטער ווילט זיך צוריק.

יעדען רעפאָרם און גוטען אידעאל
וואָס וויל איבבעסערען אונזער לאגע,
ווייזט זיך אונז אויס אין אָנפאנג ביטער וויא גאל
א טומעל, א געשריי, א קלאגע.

דיא וועלט איז א בלומען גארטען,
פארפיומען דיא בעסטע סאָרטען,
געניס פאר יעדען בעזונדער,
מיר פערשטעהען ניט דיא מעלה,
און מיר מאכען עס נור קאַילע,
גענואלד! מיר זיינען קינדער!

אין דאַיפּערס און בליינקעטס וויקעלט מען דאס קינד,
מען וויל עס האלטען קלין און ווארעם.
—ער צו ווארפט עס מיט דיא פיסלאך גיך געשווינד,
וואַרפט זיך און שרייט, און מאכט אַ לאַרעם.

דיא מוטער ויינע שטילט עס מיט פרייד מיט לוסט,
און ער ווארפט זיך, צאַפּעלט זיך, דער נאַר,
מיט ליעבע גיט זיא איהם איהר מאגערע ברוסט,
און ער דריקט און בייסט עס נאך דערפאר.

אין דאַיפּערס, בליינקעטס, פון מאָראַל און מידות,
געזונד פאר דעם גוף, פאר דעם גייסט פיין,
פונקט וויא דיא בייבי,—בעטראכט נור דעם חידוש
געוויקעלט אין דעם ווילט זיך ניט זיין.

אונזערע גייסטליכע שפּייזער
אונזערע וואהרע וועג ווייזער
פון אמאהל אויך פון אצינדער,
פערפאלגט, פעראכטעט, פארשמיסען.
פאר זייער שפּייז זייא געביסען;—
געוואלד! מיר זיינען קינדער!

✱

מיט א זיס ליעד פערוויגט דיא מוטער איהר קינד,
פון א שיין ציגעלע מיט מאנדלען,
דאס העלפט, דאס ווירקט, עס ווערט אנטשלאפען געשווינד
זא איז אויך אונזער לעבענס האנדלען.

דיא צייט פערוויעגט אונז מיט דעם זעלבען ניגון,
זאָגט אונז צו האָפפנונגען גאר א סך ;
זאָגאר מיר וועלען עס קיין מאל ניט קריגען,
איז דאס פאר דעם לעבען א גוטע זאך.

דער לעבען איז אינטערעסאנטער, ליעבער,
דאס מאכט גרינגער ליידען און שטראפען,
דיא גרעסטע שמערצען טראגט מען גרינג אַריבער,
מיט דעם וואָס מיר צו בעססערס האָפפען.

דאס איז ריכטיג. פאקטיש בעוואוכט,
אַז דער לעבען איז טרויריג, פוכט,
וואו דער יאוש איז דער גרינדער.
דעם אמת ריכטיג צו פארשטיין
איז אונזער שכל נאך צו קליין.
געוואלד מיר זיינען קינדער!

דאס קינד, וויא ער ווערט נור עלטער אַ ביסעל,
און פאנגט אָן וועלען ארום צו געהן:
ער פאלט אנידער שטעלענדיג א פיסעל,
מען קויפט איהם אַ גייער, איהם לערנען געהן.

ליעב קינד! פאָלג דיינע עלטערען, זייא קיין נאר,
און פארשפאָר זיך ליידען און קוואַלען,
האַלט טייער דיין גייער, און היט דיין אָפשפאר,
געה ניט אליין, דוא קענסט נאך פאלען!

הכמה, אמונה, יושר, זיטען, מאָראַל,
דאס בעפעסטיגט אונזער לעבענס-גאנג.
דער וואס האַלט זיך אן דעם, איז זיכער פון פאל,
אָבער פאַרקעהרט, דאַן מוז איהם טאָהן באנג.

ער פאלט אנידער
און צושלאגט זיך דיא גלידער,
יעדער ביין בעזונדער.
דער וואס האט שכל אין קאָפּ,
דעם אָנהאלט לאזט ניט אָפּ.
געוואלד! מיר זיינען קינדער!

א אויסגעפוצטע, געדרעסטע בייבי דאַלל,
איז בייא דאס קינד דאס בעסט ליעבלינגס-שפיעל;
ער קוסט עס, אוי האלדזט עס, שטענדיג איבעראלל,
חאטש דאס איז אָהן שכל, אָהן געפיהל,

פיהרען דען מיר מענשען זיך ניט גרויסערהייט
וויא דאס קינד מיט בייבי דאללס ארום?
מיר אכטען דיא דיימאנדס און דיא פיינע קלייד,
האטש דיא פערזאן זעלבסט איז נאריש, דום.

מיר זעהען: אַ גראָבער יונג, אַ אידיאָט,
נור אז ער איז רייך און אויסגעפוטצט,
ווערט רעספעקטירט און פיהרט דיא רעדעל אין שטאדט,
און אומעדום, ער אויבען אָן נאר זיטצט.

דען דער עולם
איז אַ גולם,
אַ אונוויסענדער, אַ בלינדער,
מיר לעבען מיט דעם מיינונג
פון אויסוויניג,
געוואַלד! מיר זײנען קינדער!

זעהט נור דאס קינד אין וואס ער פערברייננט זיין צייט
אייך וואונדערט: וויא נאריש זיינען זייא!
אַלערלייא שפּילכעלעך, אלערלייא נארישקייט,
רופט ארויס זייער פרייד, זייער וועה.

איין קינד נעהמט ביים צווייטען אַ שטיינדעל אָוועק,
אָדער עטוואָס בעליידיגט, גאָט היט.
דערפון ווערט אַ טומעל, אַ ליארעם, אַ שרעק,
מען רייסט זיך, מען בייסט זיך, ביז אין בלוט.

צוליעב דעם נארישען כבוד,—צוליעב געלט,
מיט אָפענע אויגען נאר בעטראכט,
וויא פיעל שנאת חנם און פייטס אויף דער וועלט,
זאָגאר צו בלוט פארגיסונג געבראכט!

איבער כיבודים אין שול
איז פעטש פול
און איבער דיא געלע שטיינדלעך, גאר קיין וואונדער
גרויס איז דער חילול השם
עס ניט ביין הערץ אַ קלעם;
געוואלד, מיר זיינען קינדער!

כ׳שפּילען זיך קינדער עטליכע אין איינעם,
שטודירט דעם וועלט-בילד מיט אַ בעגריף
זייא נעהמען און קלייבען אויס פון זיך איינעם,
מאכען איהם פאר קעניג, פאר טשיף,

ניט קליגער, ניט בעססער איז ער דאך פאר זייא
דאָך רעגיערט ער, פיהרט דיא קאָמאנדע,
נארט בייא זייא איז אַלעס; מען גיט קיין געשרייא:
אָה! איהר דומע נארישע באנדע!

צו זיינען מיר דען פון דיא קינדער קליגער?
בעטראכט נור דיא געקריינטע פיהרער,
דעספּאָטען, רויבער, שווינדלער, בעטריגער,
אונזער דומהייט מאכט זייא רעגיערער.

וויא אַ קינד—
פאָלגען מיר בלינד
זיינע אלע קאפּריזען בעזונדער.
מען פיהלט, עס טהוט וועה,
און מען גיט קיין געשרייא.
געוואלד! מיר זיינען קינדער!

דער מעססער.

פראגע און אַנטוואָרט.

דוא מעססער! דו ביסט דאך אַ נוטצליכע זאך,
אָהן דיר קען מען זיך ניט כמעט בעגיין,
מעגסט זיין שטאָלן, ברייננסט דיא וועלט נוטצען א סך
און ניט נור דוקא ביין עסען אליין.

אין קיטשען, אין דיינינג רום, איז דאך קיין רייד,
אָהן דיר איז מען דאָך גאָר וויא אָהן א האנד.
צו שניידען פלייש, צו פיש, צו גרינס אדער ברויט,
אויסקומען אָהן דיר, ווער איז דען אין שטאנד?

צו פרוכט מוז מען דיר האבען,
אויך צו פאטייטעס שאָבען,
פון אלעס איז דיין יוז גרעכער,
בייא דעם בוטשער און שוחט
איז געוויינטליך אויך-עט
דיא רעכטע האנד נאָר דער מעסער.
ערקלעהר מיר זשע ווארום איז דאס
דיין פנים אימער אונמוטהיג בלאס?

איין א שיינע זאך איז געפאלען מיין בליק,
א אויסגעשניצטער מזרח ציערט דיא וואנט.
בעצויבערט האט מיר דער טייערער אנטיק.
געשאפען האט עס א מענשליכע האנד.

און נאך טויזענדער זאכען און אנטיקען,
פון וואונדערבארע סקולפטור שניצערייא,
ואס בעגייסטערען אונז אזש צום ענטציקען,
הוייל עס איז נאטור ריכטיג געטרייא.

יעדער אנטיק דער שיינער,
דער פיינער קונסט דער ריינער,
ס'קען ניט געבען שעהנער, בעסער.
מבינים, פערשטייער, בעטראכט!
קיין האנט וואלט עס ניט געמאכט,
ווען ניט דיא הילף פון דיר מעססער.
טאָ ערקלעהר זשע מיר, ווארום איז דאס
דיין פנים איממער אונמוטהיג, בלאס?

ביי א אידען, א באָי ווערט מיט גליק אכט טאג אלט;
דיא שמחה, דיא פרייד איז גרויס אָהן א שיעור,
מיט מזל א ברית, א איד ווערען:—איז באלד
מוז מען שוין ניט אנדערש האבען נאר דיר!

וויא פיעל מענשען, טויזענדע און מיליאנען,
זייער שמערץ האט געריסען ביין הערצען.—
דורך מעדיצינישע אָפּעראציאנען,
האָסטו זייא בעפרייט פון ליידען, שמערצען,

דאָס איז בעשטימט, אז אָהן דיר,
קען זיך ניט געבען קיין ריהר,
דער מוהל און דער פּראָפעסער.

טהייערער, ליעבער פון געלט

ביזטו אין דער גאנצער וועלט,

דוא נוצבארער גוטער מעסער.

טאָ ערקלעהר מיר, ווארום זשע איז דאס

דיין פנים אימסער אונמוטהיג בלאס?

אנטוואָרט פון מעסער

הער נאר אוים דוא מענש, איך וועל דיר אנטוואָרטען,

מיין שטומען לשון זאָלסטו נאר פארשטיין,

ריכטיג זיינען דיינע פראגעס און וואָרטען;

אין מיין בלאסקייט ביזטו שולדיג אליין!

צו וואס האָסטו מיר שלעכטער מענש אויסגעיוזט

דיא גאנצע צייט וואס אויף דער וועלט איך בין?

און פאָלגען אייך האב איך דאך ליידער געמוזט.

איך בין דאך א איטאמאטיש מאשין.

צושטערען און פערניכטען

מאָרדען אדער הינריכטען,

קאניבאלען, מענשען-פרעסער,

בעשווינדלען און בעטויבען,

בע׳עולה׳ן און בערויבען,

אלץ מיט דיא הילף פון מיר מעסער!

דערפאר בין איך טרויעריג, אין כעס

און מיין פנים איז אונמוטהיג, בלאס!

מיין געשיכטע ווען איהר וואלט נור געשטודירט

ציים איך עקסיסטיר בייא איך אויף דער ערד.

פון מיר האט מען פיעלע מעכערס רעפּאָרמירט.

פון א קליינעם מעכער, א לאנגען שווערד.

נים איין מדינה. נים איין פעלד. און נים איין לאנד

האב איך מיט אונשולדיגע בלוט באפלעקט,

וויא פיעל רוהיגע פעלקער איז דורך מיין האנד

פערניכטעט געווארען און אָפגעמעקט!

דורך מיר אומגליקליך וואפפען

איז דער—הערשער; דער—שקלאפפען.

איינער—קלענער; איינער—גרעבער.

בעשווינדלען און בעטריגען

בלוט קעמפּפען און זיעגען,

מיט דער הילפע פון מיר מעסער.

דערפאר בין איך טרויעריג, און בעס

און מיין פנים איז אונמוטהיג בלאס.

אין מיין מעלאנכאליש פנים דעם בלאסכען

שפיעגעלט דאָרט זיך אָפּ בילדער אלערלייא

אין דעם אומגערעכטען קאמפף פון דיא ראססען,

בין איך שטענדיג דער פערמיטלער בייא זייא.

ווען יענער גלויבט נים אדער דיינקט נים וויא דוא,

אָדער, ווער רעדט נאך, פון אַן אנדער פארב!

דאן לאָזט איהם שוין דער שטארקערער נים צו רוה:

קוועלען איהם, מוטשען איהם, שטארב, שוואכער. שטארב!

אָך, וויא טרויעריג, בּיטער,
איז, אז זיעגער אין ריטטער
ערָאבּערען לענדער, שלעססער,
ניט דורך טוגענד און בילדונג,
נור באַרבאַרייא, פערווילדונג.
ווייל ער טויג זיך צום מעססער!
דערפאר בין איך טרויעריג, אין כעס,
און מיין פּנים איז אונמוטהיג בלאס.

יא, דוא עלענדער מעסער! דיר איז ניט גוט!
נאר מעגסט האָפפען אויף בּעסערע צייטען,
ציוויליזאציאָן, פּראָגרעסס, און דער פאָרשריט
ועט אלעס ענדערען און אומבייטען.

בייא פעלקער-האס אין שטרייט פון רעליגיאָנען,
פון קאפּיטאליסט, דעם ארבייטער׳ס וועה,
וועט מען דיר מעהר ניט יוזען און דערמאָהנען.
דער סאָציאַליזמוס וועט סעטלען בייא זייא.

און דיר וועט מען נור ניטצען
אין דיינינג רום און קיטשען.
דיא וועלט וועט דאַן ווערען בעססער.
אַז דוא ביזט אַ גוטע זאַך,
דאַנקזאַגונג אין פיעלע שפּראַך
,,נאָזיק,״ ,,נאַיף,״ ,,שכין״ און ,,מעססער.״
דאַן וועט ניט זיין מעהר אורזאַך פאַר כעס,
און פיעל, זעהר פיעל, ניט זיין מעהר בלאַס!

דער יושר

אדער

פּראגרעסס און רעגרעסס

עס איז אַ יושר, אַ גרויסער יושר,
אז דיא מענשהייט זאָל בעססער ווערען,
רויבען דעם אָרעמאן, סטאפּ דוא עושר!
דעם שוואכען ניט דריקען, ניט שטערען.

הומאניזם זאָל שוין עקסיסטירען.
ליבעראלע מדות, שעהן און פיין,
און דער רייכער זאָל מיטפּיהלען, שפּירען,
דעם ארעמאן'ס ביטער הערץ און פּיין.

נאר דערווייל—איז דער יושר בעצויגען
מיט וואָלקענס פון שווינדעל און בעטרוג,
דער שוואכער פון שטארקען ווערט אויסגעזויגען,
וויא פון גרויזאמען שפּיען דיא פליעג.

עס איז אַ יושר אז אלע נאציאָנען
זאָלען לעבען אין גליק און פרידען.
קיין האס, קיין שטרייט וועגען רעליגיאנען,
צווישען קריסטען, טירקען, אידען.

דער וואס האט נור א ריינעם געוויסען,
אונ ער ערפילט נור דיא צעהן געבאָט;—
דער האט דיא פוללע רעכט צו געניססען
דיא פרייע אונ גרויסע וועלט פון גאָט.

דערווייל—אין טריפּאָלי און אין באלקאני
שטראָממען בלוט, פליסען גאָר אהן אַ סוף,
וויא בייא רעליגיאנען איז אויס שנאה—
צייגט אונז סאלאניקא—קישינאָוו.

,,אַ יושר—אז דיא פינסטערע צייטען
פון מלחמות זאל שוין זיין פערבייא.
איין פאָלק מיט דער צווייטער, ניט מעהר שטרייטען''
שרייט אין האַאג דער גוטער ניקאלייא.

מיט דעם שווערד עראָבערען, עררייכען
פרעמדע לענדער און וויסט מאכען שטעדט,
אָה! מענשען-בלוט צו פערגיסען טייכען,
אך, וויא גרויזאם שרעקליך איז דער חטא!

נור דערוויילע—זעהט נור דאָרט אין אויסלאנד
ווערט נייע אָרודיעס אויסגעקלעהרט:
און צו אונזער ציוויליזאציע'ס שאנד
מיט מענשליכע בלוט פארבט מען דיא ערד.

א יושר—ליעבע עסקולאפּען *)

דעם קראנקען'ס שמערצען פערגרינגערען,
און ניט צוליעב דעם דאָלערעל האפּען,
דיא קראנקהייט ציהען, פארלייגגערען.

אונטערזוכען דעם קראנקען ראיעלער,
מיט בארעכנונג א מיטטעל געבען,
געדיינק דאקטאָר! ווען דוא מאכסט א פעהלער,
שטעלסטו אין קאָן א מענשענס לעבען.

נאָר דערוויילע—איז נאך לײדער גאנץ ווייט,
דער דאָקטאָר זאָל פיהלען יענעמס וועה.
נייע פּרעסקריפּשיאנס, מען שרייבט און מען בייט:
פון אקווא דיסטילאט אויף קורקמיי.

*) דאקטוירים

א יושר—פון איין איהר ליידיג גייער,
דעם ארבייטער אלס מענש בעטראכטען.
אויף קונסט און מלאכה צו זיין פערשטייער
ניט זאָ קליין, הפקר, איהם בעטראכטען.

אז דער ארבייטער האָט רעכט צו לעבען,
אפשר נאך מעהר פון איין אויף דער וועלט,
דער ארבייטער, נור ער, טהוט אונז געבען:
עססען, טרינקען, קליידונג, א געצעלט.

נור דערהוויל—דיא רייכע, דיא בעגליקטע,
עקספלאָאטירען זיך גאנץ בערוהט;
וואס אינטערעסירט זייא דיא געדריקטע?
מעהר וויא זיפצען קענען זייא דאָך ניט.

* * *

א יושר פון דיא בעלי טובות,
קהל-שע בעלי בתים אין שטאָדט,
זייא ערפיללען דיא מענשליכע חובות,
און זארגען פאר דיא וואס ליידען נאָטה.

כאסייעטעס, וואָהלטהעטיגע אנשטאלטען,
חברות, פעראיינען, אויף יעדער שריט.
מען רייסט דיא פאָלעס, מען מאכט געוואַלדען:
זאָ פיעל אָרעמע! גיט, ברידער, גיט!

דערווייל—דיא ארעמע ליידען, שמאכטען,
אויף דער יושר-דיגע גוטע וועלט,
דיא בעאמטע—ניין! מען טאהר ניט טראכטען;
דאס וואלט דאָך הייסען גזלה נעלט....

***

א יושר—ווען עס קומט ערב פסח,
עראינערונגען פון גליק און פרייהייט,
פון עבדות גלות, אראָפּ דער חושך,—
אויך צו טראכטען פאר ארעמע לייט

וויא דען?—חמץ טאהר מען דאך ניט עסען,
א מעות חיטים דערפאר געמאכט,
ווען מיר איז פריילוך—ניט צו פערגעסען
דיא ארעמע וואס זיינען פארשמאכט.

דערווייליגע דעם קבצן, אָט דעם שנאָרער,
קומט זעהר ווייניג דערפון אריין,
,,דוא ביסט א שלעפּער—נא דיר אף מרור!"
דיא מתעסקים—אינדיקעס מיט וויין...

א שעהנע, ריינע כפרה.

יעדער מוז וויסען וויא זיך צו פיהרען,
בעאָבאכטען זעהר גוט;
דעם נאמען, דיא עהרע ניט פערליערען.
מוז מען זיין זעהר געהיט.

מען מוז איבערגעכענען אפריהער,
בעפאר א זאכע מען טהוט:
ווען איהר וועט זיך ניט היטען זעהר,
קען זיך ניט אויסלאזען גוט.

ווען דיא זאננע שיינט אין אייער געצעלט.
עס גליקט אייך אין אללע פאכען,
אויף צדקה זשאלעוועט ניט אייער געלט.—
ווער וויים וואס עס קען זיך מאכען!

וואָרום פון גליק צו אומגליק איז ניט ווייט,
עס קען זיך אייך טרעפען א עת צרה!
ווען מען קיין גוטעס טהוט אין דער גוטער צייט,
זאָגט מען: „א שיינע ריינע כפרה!"

רעפריין:
א שעהנע, ריינע כפרה!
שרייט זשע, אללע שרייט!
א שעהנע, ריינע כפרה,
וואס פאָלגען ניט גאָט און לייט.

דיא היינטיגע מיידלאך איבעראלל,
וואס פאלגען ניט עלטערען,
און קלייבען זיך אויס א חתן, א געמאהל,
ניימאָדנע קאוואליערען.

דיא וואס געהען אין א דענסינג סקוהל,
און קענען טשואינג-גאם קייען,
און אויף אללע קאָרנערס זיינען זייא פול,
און פרייע ליעבע שרייען.

„אָה, קינדער! אין פינסטערען וועג ניט שוועבט!"
בעטען זיך דיא עלטערען.
טאטע, מאמע! איהר זייט שוין אויסגעוועבט;
מיין גליק זאלט איהר ניט שטערען!"

און אז זיא האט שוין מיט איהם התונה,
דערפיהלט זיא ערשט איהר צרה.
געבליבען איז זיא א יונגע עגונה,
זאָגט מען: א שעהנע, ריינע כפרה!

א שעהנע, ריינע כפרה.........א. ז. וו.

קוקט און זעהט דאָרטען אַ גאנץ אלטען מאן,
גראָה איז ער וויא א טויב,
קיין איין צאָהן אין מויל איז בייא איהם פאראן,
איז א גרוש אָהן א ווייב.

גאָר דיא ערשטע צווייא האט ער בעגראָבען,
דיא דריטע האט ער גע'גט.
אין גיכען וועט ער חתונה האבען,
זיין באנק ביכעל איז דאָך פעט.

איך דערקען אָן איהם, ער איז וויא בעטריבט,
שטענדיג אין מרה שחורה.
אין א יונגע ווייבעל האט זיך פערליעבט,
דער אלטער בעל עברה.

מיט זיין באנק בוך וואס ער טהוט פערמאָגען,
הייראט ער דיא שעהנע שרה.
אבער איהם אליין וועט זיא באלד זאָגען:
נעהם איין א שעהנע, ריינע כפרה!

א שעהנע, ריינע כפרה.........א. ז. וו.

בעטראכט דעם אלטען בעטשלאָר, קוקט נור אַן!
ווערט ניט מיעד כלות קלייבען.
דאָ—איז וויינינג יחוס, און דאָרט—נדן,
דיא—קען ניט לעזען, שרייבען.

דיא—ניט שיין, דיא—ניט היינט וועלטיג גענוג,
דיא—איז צו פיעל קאָקעטקע.
דיא—צו קליין; און דיא—ניט איבעריג קלוג
ער וויל אויך קיין ברונעטקע.

זאָ האט דער איבערגעשפיצטער זכר
אלע שדכנים פאריאָגט,
ביז אַ אלטע מיאוסקייט דעם בחור
פאר ברויטש אָף פּראָמים פערקלאָגט.

גערעדט האָט ער אמאהל מיט דער קליפּה,
און ניט גערעכענט אויף אזא צרה,
הייראטען מוז ער מיט דער קסאנטיפּע,
זאָגט זשע: „א שיינע, ריינע כפּרה!“

אַ שעהנע, ריינע כפּרה........א. ז. וו.

איך קען אַ שלעכטען און קארגען גביר,
רייך געוואָרען דורך אַ נס...
און ער ליגט אויף זיין נעלט אויף אלע פיר,
וויא אַ גרויסער פתח חת...

אין דער היים איז ער געווען אַ שמייסער,
מיט דעם נאמען ,,בערקע חמור.‘‘
דאָ—א פּראָצענטניק, מיסטער רייסער,
אָפּט געמאכט להדליק נר...

א אָרעמער פריינד האט קיין מאהל געוואגט
בעטרעטען זיין שוועל, זיין הויז;
א גאנצער קנאקער, און האט געקנאקט,
געהאלטען זיך זעהר גרויס.

אָנגעקויפט האט ער פּראָפּעטעס א סך,
ניט גערעכענט האט ער אויף דיא צרה,
מיט א שעריף סייל ענדיגט זיך דיא זאך,
זאָגט מען: א שיינע, ריינע כפרה!

א שיינע, ריינע כפרה.........א. ז. ו.

דער שטורם און פלאָד
פון מידעל וועסט

ס'הייגגען ווידער שווארצע פלעגס אנגעצויגען.
אין טרויער פון אומגליק און טויטען,
עס גיסט זיך טרעהרען פון אלעמענס אויגען
אָמאהא—קאלאמבוס—דייטאן.

אָה. איהר בליהענדע שטעדט פון מיטעל וועסט לאנד,
אין רואינען איז פערוואנדעלט אייער פראכט.
ניט א מענשליכעס שונא'ס גרויזאמע האנד,
האט אייך פערוויסט און הרוב געמאכט.

פון אייערע מענשען, וואס איז געווארען?
הרוגים, לייכען בערג מיט קברים!
דיא וואס האבען דעם לעבען ניט פערלארען.—
געבליבען עלענד, קראנק און ארעם.

וויא גרויס איז דער טרויער און שמערץ,
און וויא בלוטעט און קלעמט דיא הערץ,
אויף אייער גרויסע טראגעדיע און נויטה!
געבטען זייט איהר גליקליך געווען,
און היינט, אָה שרעקליך, אָה וועה געשעהן,
קלייבט מען שוין פאר אייך תכריכים און ברויט.

אוים גענאסען האט דיא נאטור איהר צארן,
„א שפיעל געטאהן זיך“, הייסט עס בייא איהר.
טויזענדער לעבענס פערניכטעט געווארען,
גאנצע שטעדט מיט מענשען אָהן א שיעור.

שרעקליכע שטורם־ווינטען יאָגען, בלאָזען
און טויטען אין זייער וועג אללעס,
און וואס דער שטורם האָט איבער געלאָזען,
דערטרינקט עס דיא פארפלייצונגס כוואליעס.

אָה, שרעקליכע רעגענס און בייזע ווינטען,
האבען זאָ פיעל טרויער מיט געבראכט,
אָפגעמעקט מיט אמאהל גאנצע געזינטען.
טויזענדער—ארעם עלענד געמאכט!

אין גאנצען לאנד גיכט זיך טרעהרען,
א שרעקענס געשרייא מיר הערען:
„תבריכים גיט פאר דיא וואס זיינען טוידט,
פאר דיא עלענדע שוטצלאָזע,
געבראָכענע און היימלאָזע.
שיקט גיכער מעדיציז, קליידער און ברויט!“

צוגעקומען א גאנץ נייער בית עולם.
אנגסט און טרויער פון נאהענט און ווייט.
פרישע אלמנות, יתומים, אבלים,
פרישע אומגליקליכע ארעמע לייט.

דער מענש איז אַ גבור, אַ חכם, אַ העלד,
נעגען שוואכערע. מיט מענשען נור.
ער זיעגט און אונטערדריקט אלעס אויף דער וועלט.
שוואך איז ער אָבער נעגען דיא נאַטור!

עטוואס אַ שטארקערער ווינטעלע בלאזט איהם,
צושמעטערט און צוברעכט איהם צו טויט.
אַ האסטינגער שטראָם וואַסער, און עס ליינט איהם,
מיט זיך שאַפונג וואָס ער האָט נעבויט.

ערדציטערנים און וואולקאנען.
פארפלייצונגען און סיקלאָנען.
זייא קומען פלוצלונג. אומגעריכטערהייט.
עלענד, פארוויסטונג, ברייננען זייא
און מען הערט שוין אַ הילפס געשרייא:
„בעזאָרגען די טויטע—די לעבענדע ברויט״

דער שרעקליכער אומגליק פון דיא טיטאניק
איז נאך ניט פארגעסען געווארען.
עס שוועבט נאך פאר דיא אויגען יענער פאניק,
נאַ, דאָ האט איהר אַ נייעם צאָרען.

מענשען וואס זיינען נעכטען גליקליך געווען,
געלעבט רייך אין נחת און פרייד,
זעהר פיעל פון זייא וועט מען שוין מעהר ניט זעהן
און פיעל מוזען שוין געהן בעטלען ברויט.

עלענדע מענשעלאך, ברואים-לאך שלאַפעז!
אייער מאָרגען איז אָן שיקזאל געווענדט,
זאל דיא שרעקליכע אומגליקס קאטאסטראפע
ווייך מאכען דיא הארץ, עפענען דיא הענד.

פאר דיא לעבעז נעבליבענע,
און פון שיקזאל צוריבענע,
לינדערען זייער עלענד, פיין און נויטה;
לאָזט ניט פאלען, אויסגיין וויא ליכט,
זייא האבען זיך אויך ניט געריכט
אז זייא וועלען דארפען געהן בעטלען ברויט!

ענדע.

„אַ שנירעלע פּערעל"

איז דער נאמען פון דיזען בוך וואס דער פּערפאסער רעוו. גרשון שולמאן גיט אייך דא, און מיר דיינקען אז דער וואס וועט עפּענען דיעזען לידער בוך און וועט נור אנפאנגען לייענען איין ליעד אָדער צווייא, וועט ער זעהן אז דער נאמען שנירעלע פּעריל פּאסט פאר זייא.

עס איז זעהר בעהארצט. ליטעראַריש און פּאָעטיש געשריבען, און גאנצע צעהן שטיק פּעריל אויף איין שנירעלע ארויפגעקליבען.

מיט דיעזע צעהן פּעריל האבען זיך שוין אויף פיעלע פערזאמלונגען, וואו דער פערפאסער וואר איינגעלאדען צו זינגען און פרעהליך מאכען, דאס הייסט אמוזירען דעם עולם, האבען זיך שוין פּיעלע לײדיעס און דזשענטעלמען מחיה געווען הערענדיג, און האבען פּארהילכט דיא האָללען מיט דיא אפּלאָדיסמענטען וואס זיי האבען בעעהרט דעם פערפאסער און זינגער, דערום דיינקען מיר, אז יעצט ווען נאטט האט מזכה געווען דעם פערפאססער אז ער קען אייך מזכה מיט אַ געדרוקטען בוך, דארף איהם געוויס יעדער נעהמען, און געבען נאך זיין ווערטה, אדער וויפיעל איינער בעגעהרט.

איך ווינשע אלעמען אַ לעבען גאר איין אנטיק
דער אלטער פּערפאסער יוסף זעליג גליק.
רעדאקטאָר פון „פאַלקספריינד"

Xטען דזשון, תער"ג לפ"ק, פּה פּיטטסבורג.